# דורותינו




**א פלאטפארמע פאר אייך - איבער אייערע דורות**

גליון ט'
**עש"ק פ' ויגש**
תשפ"ד
לפ"ק



הפצה נתנדב ע"י:

**=בארא פארק=**
הר"ר גדלי' פרישוואסער הי"ו

**=וויליאמסבורג=**
הר"ר מנחם מארקאוויטש הי"ו
הר"ר אברהם אהרן קרויס הי"ו

**=מאנסי=**
הר"ר נחמן בארלעוו הי"ו
לרגל אירוסי בתו
הר"ר אליעזר פאשקעס הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצות

**=קרית יואל=**
הר"ר משה יצחק ווידער הי"ו

תשוח"ח להם, יהי"ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם ולהתברך בכל מילי דמיטב.


### ברוך המקדש שמו ברבים:

# מוסדות החינוך אין 'סאליווען קאונטי' די ערשטע 'נחשונים' אריבערצוטרעטן דעם דעדליין אָן זיך אונטערגעבן פאר די רעגירונג!

## מיר קלויבן אויס דעם 'אלטן' מהלך: משה אמת ותורתו אמת

**מיטוואך** ויגש תשפ"ד האט געבראכן היסטאריע אויפן הארטן אמעריקאנער באדן, ווען מען האט אויפגעהויבן מיט שטאלץ דעם פאן פון אידישן חינוך מיט מסירות נפש העכער אלע רעגירונג פארלאנגען!

ווי באקאנט האבן אלע לאקאלע דיסטריקטן פון גאנץ ניו יארק סטעיט ארויסגעגעבן אייגענע אולטימאטום ביז ווען מען קען אויסקלויבן א פעטוועי צו ווערן סובסטענשל עקווילענט.

עטליכע געגנטער אין 'סאליווען קאונטי' האבן זיך ארויסגעשטעלט מיט א שרעקליכע האס, און ארויסגעגעבן דעם דאטום שוין אזוי פרי ביז דעם פארגאנגענעם מיטוואך ויגש, און אויפגעפאדערט שטרענג אונטער סטראשונקעס די מוסדות התורה דאס נאכצוקומען.

דעם מיטוואך בסוף היום איז פאקטיש דערקלערט געווארן אז סאליווען קאונטי איז געווען דער 'נחשון' צו מקדש שם שמים זיין, ווען עס איז אדורך דער אולטימאטום און מען האט זיך נישט אונטערגעגעבן!.

דערמיט האבן זיי דערקלערט פאר די רעגירונג, מיר וועלן נישט טוישן קיין האר פון די לימודים אין די הייליגע מוסדות הקדושים!

צווישן די מוסדות וואס האבן געהאט די זכי' צו מאכן דעם ערשטן קידוש השם ציילן זיך: **מוסדות החינוך אין סאוט פאלסבורג, וויזניץ-קיימישע לעיק, און די מוסדות החינוך אין מאנטיסעלא.**

אויסער דעם געוואלדיגן קידוש השם לעיני העמים והשרים, איז דאס גאר א דרייסטע שריט אנטקעגן דעם כוואליע פון אנגייעדע אגיטאציעס דורך די אגודת ישראל און אירע אפיליאירטע אז מען זאל זיך חלילה יא אונטערגעבן.

לויט ווי א ערשט-האנטיגע קוואל געבט איבער פאר 'דורותינו', האבן זיי אין איינס פון זייערע מאכינאציעס פרובירט צו אפנארן די **ראשי המוסדות אין מאנטיסעלא אז די מוסדות החינוך סט. פאולסבורג** האבן 'שוין אפגעמאכט' אויסצוקלויבן א פעטוועי... אבער נאך קורצע דרישות פון חשובע רבנים שליט"א האט מען געהערט דער פייערליכער טעלעפאנישן אנטווארט פון דעם מנכ"ל פון **ישיבה זכרון משה ד'סאוט פאלסבורג**, וואס האט נאכגעזאגט די פונקטליכע הוראה פונעם **ראש ישיבה הגאון הגדול רבי אלי' בער וואכטפויגעל שליט"א**, ווי פאלגענד: **מיר וועלן ענדערש פארמאכן די מוסדות ווי איידער אויסקלויבן א פעטוועי!"**

דער יהדות החרדית שרייעט אויס צו זיי אשריכם גבורי החיל! וואויל איז אייך אז איר האט געוויזן דעם וועג, און דאס איז דער אלטער וועג פון יש לנו אב זקן, כלשון מרן החתם סופר - לא נשתנה ולא ישתנה

כלל ישראל איז מתפלל אז דאס זאל ווייטער בלייבן דער מהלך פון גאנץ כלל ישראל לענגאויס דעם גאנצן פראצעדור, ונזכה שיעבור זעם, ויבטל הגזירה!. ■

### פרישע פעדימער אין די אנגייענדע מיסטעריע:

# 'דזשואיש עדיוקעשאן פראזשעקט' א מיסטעריעזע מחותן אין דעם גזירת החינוך...

אן אימעיל וואס איז אנגעקומען אין די **אפיסעס פון מוסדות התורה דעם מיטוואך פ' ויגש** האט צוגעגעבן נאך שטריכן איבער דעם באהאלטענעם קשר פון די 'פעדרעישן' מיט דעם גזירת החינוך.

דער אימעיל איז געשיקט פון די אפיסעס פון **'דזשואיש עדיוקעשאן פראזשעקט'** וועלכע איז דער חינוך נעץ פון די רעפארמער-פרייע ציוניסטישע **'יו. דזשעי. עי. פעדרעישאן'**, זיי שרייבן אז די לאקאלע רעגירונג באאמטע פון ניו יארק סיטי האבן איבערגעגעבן פאר זיי א ליסט פון אלע מוסדות התורה וואס האבן נאכנישט אויסגעפילט דעם סורוועי צו אויסקלויבן א פעטוועי, דעריבער פאדערען זיי אויף די מוסדות התורה בשליחות פון די ניו יארק סיטי DOE (דיפארטמענעט אף עדיוקעישען), אויסצוקלויבן א 'פעטוועי' ווי שנעלער, ווייל אט אט קומט שוין אן דער ענדגילטיגער אולטימאטום פון יאנואר 15.

זיי טוען דערנאך אנבאטן זייער 'גוט-הארציגע הילף' צו אויספילן דעם פארלאנגטן סורוועי...

די נייעס לייגט נאר צו נאך שיכטן אינעם פארנעפלטן פראגע, וואספארא ראלע און אינטערעסע שפילט דא די פעדרעישן אין יעצטיגן מצב?! ■


Gmail [redacted]

**Fwd: Re: NYC Substantial Equivalency Survey Past Due**

[redacted]
To: [redacted]
Wed, Dec 20, 2023 at 1:27 PM

-------- Original Message --------

**Subject:** Re: NYC Substantial Equivalency Survey Past Due
**Date:** 2023-12-20 13:08
**From:** Penina Noy <pnoy@jewishedproject.org>
**To:** Penina Noy <pnoy@jewishedproject.org>
**Cc:** Sara Seligson <sseligson@thejewisheducationproject.org>

Dear School Leader,

You are receiving this email because NYCDOE informed us that as of 12/18/2023, your school has not yet completed the mandatory Substantial Equivalency Survey.

I would like to remind you that NYSED has required all school districts (LSA) to identify and report on the substantial equivalence pathway selected by each religious and independent school within their geographic boundaries by 1/15/24. As with most school districts, NYCDOE is collecting this data via an electronic survey. The NYC survey deadline was 12/15/23.

To help and guide your responses to the survey, please watch this webinar, presented jointly by The Jewish Education Project and Agudath Israel. During this webinar, we went through the survey at length and explained how to answer every question. If you need further assistance, please do not hesitate to reach out.

Sincerely,
Penina Noy

Penina Noy | Senior Manager, Day Schools and Yeshivot
The Jewish Education Project
646.472.5386
pnoy@jewishedproject.org
JewishEdProject.org
Proud Partner of UJA-Federation of New York

*Explore The Jewish Educator Portal*

### אנאליז:

# אנטווישונג איבער 'אזויגערופענע' שתדלנות אפצושלאגן די גזירה

פאר עטליכע וואכן צוריק איז פובליצירט געווארן אין די גוי'אישע מידיע אן ארטיקל פון א געוויסן **'פראפעסאר' ראביי דר. טווערסקי,** וואס ברויזט גפערליך מיט א באשולדיגונג פון דיסקרימינאציע אויף די גזירת החינוך, צוליב דעם וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט אין די גיידליינס אז מען קען נאר נאכקומען די **סעקולארע סאבזשעקטס ווען עס ווערט געלערנט דייקא אויף די ענגלישע שפראך,** ער טענה'ט אז ווידעראום אין די פאבליק סקול ווערט יא צומאל געלערנט פארשידענע סאבזשעקטס אויף אנדערע שפראכן, און דאס איז דאך דיסקרימינאציע צו פארלאנגען נאר פון די פריוואטע שולעס צו לערנען אלעס אויף די ענגלישע שפראך.

צו די דאזיגע טענה האבן זיך צוגעכאפט די ציוניסטישע אויסגאבעס אזוי ווי **המודיע, משפחה און נאך,** וואס טרומפירן מיט די מורא'דיגע טענה, און פאר תמימי לב קען זיך דוכטן כאילו מען וויל מיט די גאנצע שטורעם עפעס ברענגען א טובה פאר אונז.

אבער לאמיתו של דבר שטעקט דא אסאך טיעפערס, דא ליגט א באהאלטענע ציהל פון די כלומר'שטע פארטרעטער צוריק ארויפצוברענגען צום אויבערפלאך די טרויעריג בארימטע **'קודש קוריקולים'** וואס איז פאבריצירט געווארן דורך די פארדארבענע פראפעסארקע **די שוועסטער פונעם אגודת ישראל לויער מר. שיק,** און מען האט דאן זיך געטרויעט **איבערצוגעבן פאר די רעגירונג אז אין אונזערע הייליגע לימודי קודש ווערן אויך געלערנט די געפאדערטע סובזשעקטס רח"ל,** ווייל מען קען דאס פארטייטשן **אלס אקעדעמישע לימודים פון היסטאריע און סייענס עפ"ל.** וואס אויב וואלט דאס דאן געווארן אקצעפטירט וואלט דאס ח"ו צוגעברענגט איבערצוגעבן אויך די לימודי קודש אונטער די אויפזיכט פון די רעגירונג, [און בשעתו זענען טאקע די גדולי הרבנים שליט"א ארויס גאר שארף אנטקעגן דעם חירוף וגידוף און חילול השם].

»

# גדולי הרבנים שליט"א ווארענען איבער פארפירערישע טאקטיקן צו פארמאסקירן אמת'ע מאטיוון

אין לויף פון דעם שטורעמישן מערכת קודש איבער דעם פעטוועי' פראגע, רינט ארויס אינפארמאציע איבער פרישע פראבעס אריינצולאזן די רעגירונג אין די מוסדות הקדושים.

איןביישפיל איז דורך א געוויסער אדמיניסטראטאר אין ניו יארק סיטי, וואס אנשטויסנדיג זיך מיט די קלארע מיינונג פון זיינע רבנים אז מען זאל נישט אויסקליבן א 'פעטוועי', האט ער פארגעלייגט פאר זיינע רבנים א ניי ערפינדענעם 'גענאלען מהלך'...

נעמליך אז מען וועט טאקע נישט אויסקליבן אפיציעל א 'פעטוועי', נאר מען וועט שרייבן א אומקלארע בריוו צו די רעגירונג וואס וועט פארשטעלן צווישן די שורות אז מען נעמט שוין טעסטס, און נאך שורות איבער שיינקייט פון אונזער חינוך וכדו'.

זיין אמת'ע ציל האט ער אבער אנטפלעקט פאר זיינע ארומיגע, אז ער האפט מיט די ריכטיגע קשרים צו באיינפלוסן אז די סיטי זאל דאס אננעמען כאילו ער האט קלאר געזאגט אז מען נעמט א פעטוועי'.

און אנדערע ווערטער, אנשטאט דער אדמיניסטראטאר זאל קלויבן א פעטוועי - וואס זיינע רבנים לאזן אים נישט, וויל ער שיקן א בריוו אין וועלכע ער זאל מסדר זיין א שבת-גוי וואס זאל אים אויסקליבן דעם פעטוועי' אנשטאט אים, און ער וועט דאס שוין מסדר זיין דורך פאליטישע קשרים פון 'אינעווייניג'... אבער לפנים האט ער 'געפאלגט' די רבנים.

וואס באמת איז דאס פשוט אין קאנטראסט צו דעם גאנצן מהלך וואס די מוסדות זעלבסט האבן במשך די לעצטע יארן געבעטן און געמאנט פונעם ציבור צו קעמפן אנטקעגן דעם גזירת החינוך און צוזאמגעשטעלט פעטיציעס וכדו', און יעצט ווען די גזירה איז שוין אין קראפט גייט מען זיך בידים אונטערגעבן דורך סיי וועלכע מהלך?!

די חשובע רבנים האבן געבעטן מפרסם צו זיין פאר ציבור, מען זאל זיין געווארנט פון אלע סארט ענליכע פלענער, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי. ■

## א בליק אין די מוסדות עטה"ק אין ניו יארק



### מלוה מלכה לטובת בית חינוך לבנות תורת אמך -בנות אלטא פיגא על טהרת הק'

דעם מוצש"ק פ' ויגש קומט פאר אין די זאלן פון ווילהאוויץ -מאנסי, די מלוה מלכה לטובת דעם **בית חינוך לבנות 'תורת אמך בנות אלטא פיגא'** וועלכע שטייט **בנשיאות הגה"צ ר' יחזקאל גאלד שליט"א אבד"ק שערי חסד.**

דער מוסד גייט שוין אן **איבער 6 יאר** און פארמאגט שוין היינט קרוב צו **צוויי הונדערט תלמידות** וואס ווערן נתחנך לשם ולתפארת און ווערט געדעקט זינט איר גרינדונג גענצליך על טהרת הקודש מיט בלויז ריין אידיש געלט.

יהדות מאנסי וועט ארויסקומען דעם מוצש"ק צו שטיצן אין מחזק זיין די הנהלות המוסד בגוף ובממון.! ■

## קורצע נייעס



בהמשך צום באריכט אין 'דורותינו' פארגאנגענע וואך איבער די מוסדות וועלכע זענען שוין עפונען געווארן אלס נאן עקווילענט קענען שוין נישט אויסוועלן קיין פעטוועי', נאר אויב פלאנען זיי ח"ו מיטצוארבעטן מיט די רעגירונג מוזן זיי שוין אריבערגיין אינספעקשאנס. מוסדות וועלכע האבן אנגעפרעגט דערויף ביי די אינסטאנצן נאכן ליינען דעם נייעס, האבן ערהאלטן א קלארע אנטווארט ווי זיי טוען דאס אויסקלארן פאר די מוסדות.


Gmail [redacted]

Fwd: Substantial Equivalency Timeline and Plan- [redacted]

[redacted]

-------- Original Message --------
Subject: RE: Substantial Equivalency Timeline and Plan-
Date: 2023-12-15 11:31
From: Edwards Mieasia <MEdwards24@schools.nyc.gov>
To: [redacted]

Dear Principal [redacted],

I hope you are well. I am writing to address the questions raised in your email below.
Pursuant to Commissioner's Regulation, Part 130, Section 130.4(b), all nonpublic schools in New York State that were operating as of September 28, 2022, must undergo a substantial equivalency review by the end of the 2024-2025 school year, and then every seven years thereafter.

Your school, [redacted] located at [redacted] is already undergoing a review by the New York City Department of Education ("DOE"), which commenced in 2015, and for which the Commissioner recently issued a Determination on November 21, 2023. The next step in this review is for your school to work collaboratively with the DOE to develop a timeline and plan to attain substantial equivalency.

After this review has been completed, the Commissioner's Regulation requires that your school undergo another substantial equivalency review in seven years. For that review, your school will be able to choose one of seven pathways: (1) registered high schools and their affiliated lower grade programs; (2) state-approved private special education schools, state-operated, or state-supported schools; (3) accreditation by an approved accreditor; (4) schools with International Baccalaureate programs; (5) federally approved schools; (6) regular use of approved assessments demonstrating academic progress; (7) traditional approach of LSA reviews with either LSA or Commissioner's determination. More information is available in the State's Guidance, pages 7-25.

In conclusion, for the current review, the next step is for your school to engage in collaboratively working with us to create a timeline and plan to attain substantial equivalency. We sent you a letter on December 5, 2023, proposing dates for us to meet to discuss a timeline and plan. (See attached letter.) Please let us know as soon as possible a few dates and times when you are able to meet.
Thank you,

Mieasia M. Edwards
Chief Executive for Nonpublic and Charter Schools
65 Court Street, Suite 922B
Brooklyn, NY 11201

א שיינער ציבור האט זיך באטייליגט די וואך **מאנטאג ויגש** ביי **אסיפת עסקנים אין מאנסי** בביהמ"ד קאשוי, ווי מען האט קלאר אויסגעשמועסט אלע פרטי הענינים בנוגע די איצטיגע רעגירונג פארלאנג.

איבערצוהערן די גאר וויכטיגע דרשות, און נאך, רופט 'אור החינוך':

**718-362-8838-2-16**

נ.ב. מען קען דארט אנפרעגן שאלות אויף נומער 9 וואס וועט בעז"ה פארענטפערט ווערן קומענדיגן זונטאג ויחי ביים צווייטן טייל פונעם אסיפה בביהמ"ד הנ"ל.

## אגודת ישראל דארה"ב בעט הילף פון היימישע מוסדות התורה מיט פעטיציע דרייוו זיך אנצונעמען פאר די ציוניסטישע ממשלה און זייער התגרות באומות

חרדי'שע אידן זענען אויפגעציטערט געווארן פון א אפיציעלע מעלדונג פון די 'ישיבה סערוויסעס' פון אגודת ישראל וואס רופן אדמיניסטראטארן פון אונזערע היימישע מוסדות התורה, צו העלפן מיט קאמפיין פאר אונטערשריפטן צום אמעריקאנער רעגירונג זיך אנצונעמען פאר די ציוניסטישע מלחמות אין מיטל מזרח.

דאס איז ממש א חירוף וגידוף ווען מען איז עובר בשאט נפש אויף די שלש שבועות זיך נישט צו רייצן מיט די גוים, אויסער די שרעקליכע עבירה פון התחברות לרשעים, און חילול שם שמים.

עס איז גאר מערקווירדיג אז טאקע די ישיבה סערוויסעס זענען די זעלבע 'פארזארגער' וועלכע 'קעמפן' אנגעבליך פארן 'ריינעם' חינוך אין אמעריקע!.

דער דאזיגער בריוו דארף זיין א ווארענונגס לעמפל אויף די נאנטקייט וואס די דאזיגע מתחברים לרשעים האבן אנגעקניפט מיט אונזערע מוסדות, ותוצאותיו מי ישורנה!

הוא השטן, הוא המלאך המות, הוא המקטרג, הוא היצר הרע! ■




December 7, 2023

Dear Principals and Administrators,

In light of the situation in Eretz Yisroel and America, Agudath Israel has launched an important campaign to send 100,000 letters to Congress to stand with Israel; to press for the release of ALL hostages; and to combat surging domestic antisemitism. It's no secret that the opposition in America has been loud, vocal, and often violent. We have been told we must keep the pressure up! Please consider sending the following letter to your parent body encouraging them to reach out to their legislators.

- Letter to Parents (PDF)
- Sample letter text (Word doc)

As always, feel free to reach out to yeshivaservices@agudah.org with any questions.

Sign up for our Whatsapp broadcast list here!

Sign up for our mailing list here!

**Rabbi Yehoshua Pinkus**
Director of Yeshiva Services

**Ami Bazov, Esq.**
Associate Director of Yeshiva Services

*Yeshiva Services champions and guides yeshivos and day schools, advocates for resources at all levels of government, educates and guides yeshiva leadership, and defends yeshivos and their unique character under the guidance of Gedolei Yisroel, ensuring the continued growth of Klal Yisroel.*

© Agudath Israel of America 2023. May be shared as is with attribution.

View as Webpage

---

» אבער ב"ה דער שומר ישראל האט נישט צוגעלאזט אז דאס שרעקליכע זאל פאסירן, און די רעגירונג האט דאס נישטאמאל אקצעפטירט זאגנדיג אז די פארלאנגטע לימודים דארפן דייקא געלערנט ווערן אויף די ענגלישע שפראך.

אצינד קלאגט דער פראפעסאר מיט קראקאדיל טרערן אויף די געפערליכע דיסקרימינאציע פון די רעגירונג.

נו, מילא, סך הכל א דעת יחיד..

אבער ווי שטוינענד איז וואס די אידישע פרעסע דעקט אויף אז דאס איז גאר געשריבן געווארן מיט די גוטהייסונג פון דעם 'אגודת ישראל' אדוואקאט אבי שיק! און זיינע אויבערהארן.

**סקעפטיקער וואונדערן זיך: איז דען מעגליך אז אין די צייט וואס רוב מנין ובנין פון יהדות ניו יארק זענען אריינגעטון צו קעמפן און אפשלאגן די פארלאנגען פון די רעגירונג, כדי זיי 'נישט' אריינצולאזן האבן דעם אויפזיכט איבער די לימודי חול, - זענען גאר די 'אזויגערופענע פארטרעטער' פון יהדות החרדית, פארנומען צו קעמפן אז מען זאל נאכאמאל פרובירן איינצוטינקן די לימודי קודש און דאס אויך איגאנצן איבערגעבן אונטער די אויפזיכט פון די רעגירונג, און דורכדעם גאר 'יא' ווערן גלייך צום פאבליק סקול רח"ל??.! ■**


12/4/23, 7:44 PM — New York's Double Standards on Yeshivas | City Journal

Aaron Twerski

**An Education in Double Standards**

New York State regulations forbid non-English instruction in core subjects at private schools—including yeshivas—while encouraging it at public schools.

/ Eye on the News / Education, The Social Order — Dec 04 2023

Fifty years ago, my wife and I left Pittsburgh for New York. We had a lovely home and nice neighbors in Pittsburgh, and I enjoyed my work as a law school professor. What we lacked—and what New York City could provide—was a school that could give our children a Hasidic yeshiva education. We've always known people who considered our educational choices for our children unusual. The New York State Education Department (NYSED) now wants to make such choices illegal. New state regulations for private schools prohibit providing instruction in core subjects in languages other than English. The regulations threaten parents who make the same choices that my wife and I made with criminal sanctions and financial penalties.

As with nearly all yeshivas, the schools we chose for our children emphasized the study of Jewish texts, history, ethics, and values. The Talmud is written primarily in Aramaic, while its main commentaries are in Hebrew. The Bible and its commentaries are also in Hebrew. In keeping with the Hasidic traditions in which my wife and I were raised, we chose schools where those lessons were delivered in Yiddish. New York State now declares that none of this counts as education.

In one form or another, I have spent virtually my entire life in educational institutions, beginning as a yeshiva and rabbinical school student, then as a college and law school student, and, since 1966, as a law school professor. Two distinct elements set a Yeshiva education apart from traditional schools, and, in my experience, make them superior to such schools. First is rigor: the length of the school day, the depth of the curricular material, and the almost-Socratic method employed even in yeshiva elementary schools provide students with valuable training across many adult disciplines and professions. Students learn to analyze texts with precision. They learn how to analogize and how to recognize false lines of logic. A yeshiva education provides students with critical analytical skills that far surpass those attained by students at traditional schools.

Second is ethical and moral development: yeshiva education helps develop and transmit cultural identity, traditions, and cohesion. It not only fulfills these important educational goals but also meets the mandates of the New York State Culturally Responsive-Sustaining (CR-S) Education Framework, which the state adopted in 2018. In NYSED's own words, the framework "helps educators create student-centered learning environments that affirm racial, linguistic and cultural identities and prepare students for rigor and independent learning."

https://www.city-journal.org/article/new-yorks-double-standards-on-yeshivas — 1/4


12/19/23, 10:15 PM — New Twist in Yeshivos Lawsuit against NYSED - Mishpacha Magazine

| THE CURRENT |

NEW TWIST IN YESHIVOS LAWSUIT AGAINST NYSED

By Yosef Herz | DECEMBER 19, 2023

**New York is imposing stricter regulations on the nonpublic schools than it is on its own public school system**

IN the long and closely watched saga of the New York State Education Department seeking to regulate the state's nonpublic schools, yeshivah advocates have welcomed confirmation of a point that they've made repeatedly: That the state is imposing stricter regulations on the nonpublic schools than it is on its own public school system. That means that "equivalency" is not what the regulations are really after. The confirmation came from a department official speaking at a public meeting to a group of teachers.

In a *City Journal* article published this month, Rabbi Aaron Twerski, a Brooklyn Law School professor and former dean of Hofstra Law School, explained the superior benefits of a yeshivah education and provided a brief history of New York's effort to curb the independence enjoyed by yeshivos — and religious parents — in determining their educational mission and course. That effort culminated in the September 2022 adoption of regulations that gave the State Education Department the authority to close schools that it said failed to provide an education "substantially equivalent" to that offered in public schools.

In October 2022, just a few weeks after the regulations went into effect, the yeshivah community sued the State Education Department (NYSED). The lawsuit was filed by a consortium of groups and yeshivos, including Parents for Educational and Religious Liberty in Schools (PEARLS), Agudath Israel of America, Torah Umesorah, and Yeshivas Rabbi Chaim Berlin, Torah Vodaath, Tifereth Jerusalem, Rabbi Jacob Joseph and Chasan Sofer.


12/12/23, 7:26 PM — Yeshivas Allege Double Standard in NY Education Regulations - Hamodia.com

COMMUNITY

**Yeshivas Allege Double Standard in NY Education Regulations**

Tuesday, December 12, 2023 4:35 PM | • 5 Minute Read

By Reuvain Borchardt

Yeshiva advocates who have been alleging the New York State Education Department (SED) is engaging in a double standard in requiring private schools, but not public schools, teach secular studies in English, say leaked audio proves SED agrees it is holding yeshivas to a different standard than public schools.

"This is one difference between the substantial equivalence regulations and what happens in district [public] schools," David Frank, an SED official, says in a recording obtained by City Journal. The recording was published alongside an op-ed in that publication by Brooklyn Law School Prof. Aaron Twerski, an opponent of regulations passed last year regulating the curriculum of private schools.

https://hamodia.com/2023/12/12/yeshivas-allege-double-standard-in-education-regulations/ — 1/4

די פילע ארטיקלען וועלכע איז פארשפרייט געווארן צו פראפאגאנדירן און שטורעמען צו לעגיטימירן די קודש קוריקולעם!

צו מנדב זיין א גליון, פאר הערות, און צו באריכטן נייעס, רופט: 845-237-4779
צו באקומען דעם גליון אויף בליץ-פאסט שיקט א אימעיל צו: DOROISEINY@GMAIL.COM